עקב תשפ"ה
גליון 250

# דעם רבינ'ס ליכט



אַייערע קינדער זאָלט איר מודיע זיין
וואָס דאָ האָט זיך געטאָן (שיהר"ן ר"ט)

## דער ריינער קוואל

מִיר שְׁטֵייעֶן אִין פַּרְשַׁת עֵקֶב. דִי פַּרְשָׁה הֵייבְּט זִיךְ אָן, "וְהָיָה עֵקֶב תִּשְׁמְעוּן אֵת הַמִּשְׁפָּטִים הָאֵלֶּה, פַּארְוָואס נוּצְט דִי תּוֹרָה דֶער לָשׁוֹן 'עֵקֶב', עֶס וָואלְט גֶעקֶענְט שְׁטֵיין, וְהָיָה אִם תִּשְׁמְעוּן אֶת הַמִּשְׁפָּטִים הָאֵלֶּה?

דָאס וָוארְט 'עֵקֶב' אִיז מִלָּשׁוֹן 'סוֹף', אַזוֹי וִוי בַּיי אַ מֶענְטְשׁ אִיז דֶער קָאפּ דֶער אָנְהוֹיבּ אוּן דֶער עֵקֶב פוּן דִי פִּיס אִיז דֶער סוֹף. נָאךְ אַ טַייטְשׁ הָאט עֵקֶב: 'צֶעטְרֶעטְן', וֶוען אֵיינֶער פַּארְשֶׁעמְט אַ צְוֵוייטְן, זָאגְט מֶען: "עֶר הָאט יֶענֶעם צֶעטְרֶעטְן!"

יֶעצְט וֶוען מֶען אִיז סוֹף פוּן דֶער גָלוּת, אַזוֹי וִוי חז"ל רוּפְן אָן דִי הַיינְטִיגֶע צַייטְן, "עִקְבְתָא דִמְשִׁיחָא – סוֹף פוּנֶעם גָלוּת," דֶער אָנְהוֹיבּ פוּנֶעם אוֹר פוּן מָשִׁיחַ, וֶוען דִי שׂוֹנְאִים שְׁטַארְקְן זִיךְ זֵייעֶר מִיט זֵייעֶרֶע פִּיס אוּן ווִילְן חַס וְשָׁלוֹם צֶעטְרֶעטְן דִי עֶרְלִיכֶע אִידְן.

וָואס אִיז דִי עֵצָה צוּ דֶעם? זָאגְט דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, "אֶת הַמִּשְׁפָּטִים הָאֵלֶּה". 'מִשְׁפָּט' קוּמְט אוּנְז זָאגְן אַז סְ'אִיז נִישְׁט 'סְתַּם אַזוֹי' גֶעשֶׁעְן, עֶס אִיז נִישְׁט קַיין צוּפַאל אַז דִי רְשָׁעִים ווִילְן שְׁטֶערְן אוּן צֶעטְרֶעטְן עֶרְלִיכֶע אִידְן, נָאר אַלֶעס אִיז אוֹיסְגֶערֶעכְנְט פוּן בֵּית מִשְׁפָּט אוֹיבְן, כְּדֵי מִיר זָאלְן זִיךְ צוּרִיקְקֶערְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער.



וֶוען אִידִישֶׁע קִינְדֶער דֶערְהֶערְן אַז אַלֶע מִשְׁפָּטִים, אַלֶע דִינִים, מְנִיעוֹת און יִסוּרִים אִיז נָאר פוּן אוֹיבֶּערְשְׁטְן, דֶעמָאלְט זָאגְט דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער, "וְשָׁמַר ה' אֱלֹקֶיךָ לְךָ אֶת הַבְּרִית וְאֶת הַחֶסֶד אֲשֶׁר נִשְׁבַּע לַאֲבֹתֶיךָ", דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אוּנְז גֶעדֶענְקֶען אוּן זִיךְ דֶערְבַּארֶעמֶען אוּן גֶעדֶענְקֶען זְכוּת אָבוֹת, אוּנְז צוּ הִיטְן פוּן אַלֶעם בֵּייזְן אוּן דִינִים.

וֶוען יַעֲקֹב אָבִינוּ אִיז גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן שְׁטֵייט אִין פָּסוּק: "וְיָדוֹ אוֹחֶזֶת בַּעֲקֵב עֵשָׂו". דָאס וַוייזְט אַז אִין דִי יֶעצְטִיגֶע צַייטְן פוּן עִקְבְתָא דִמְשִׁיחָא וִויל עֵשָׂו צֶעטְרֶעטְן און מִלְחָמָה הַאלְטְן קֶעגְן כְּלַל יִשְׂרָאֵל. אִיז דִי עֵצָה "וְיָדוֹ אוֹחֶזֶת". 'יָד' אִיז מְרַמֵז אוֹיף 'תְּפִלָּה', אַזוֹי זֶעט מֶען אוֹיךְ בַּיי מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, "וַיְהִי יָדָיו אֱמוּנָה". זָאגְט אוֹיף דֶעם דֶער תַּרְגוּם, "פְּרִישָׂן בִּצְלוֹ", עֶר הָאט אוֹיסְגֶעשְׁפְּרֵייט זַיין הֶענְט מִיט אַ תְּפִלָּה צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן.

מֶען זֶעט הַיינְטִיגֶע צַייטְן אַז אוֹיף יֶעדֶע הֵיילִיגֶע זַאךְ פַּארְלֵייגְט זִיךְ דֶער בַּעַל דָּבָר דָאס צוּ צֶעשְׁטֶערְן, בִּפְרָט אוֹיפְ'ן רֶבִּינְ'ס רֹאשׁ הַשָּׁנָה, וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "אִיךְ הָאבּ דָאס בַּאקוּמֶען בְּמַתָּנָה פוּנֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן". דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהֵייסְן אוֹיסְרוּפְן: "אַז וֶוער עֶס אִיז מְקוּרָב צוּ אִים זָאל קוּמֶען צוּ אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה. און דָאס יָאר הָאבְּן גָאר אַסַאךְ בָּחוּרִים און אִינְגֶעלַייט פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל שְׁוֶוערֶע מְנִיעוֹת צוּ קֶענֶען פָּאלְגְן דִי עֵצָה צוּ פָּארְן צוּם רֶבִּי'ן אוּמְגֶעשְׁטֶערְט."

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "גָאר מַיין זַאךְ אִיז רֹאשׁ הַשָּׁנָה", אָבֶּער לָאמִיר נִישְׁט פַּארְגֶעסְן אַז דֶער רֶבִּי הָאט אוֹיךְ גֶעזָאגְט: "גָאר מַיין זַאךְ אִיז תְּפִלָּה", לָאמִיר זִיךְ בַּאנֵייעֶן אִין תְּפִלָּה, סַיי דִי דְרַיי תְּפִלּוֹת, שַׁחֲרִית מִנְחָה, מַעֲרִיב מִיט כַּוָונָה, מִיט אַ חֵשֶׁק מִיט אַלֶע הֲלָכוֹת פוּן תְּפִלָּה אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ. אַזוֹי אוֹיךְ קֶען מֶען אַרַיינְכַאפְּן אַפָּאר קַאפִּיטְלֶעך תְּהִלִּים אָדֶער לִקּוּטֵי תְּפִלּוֹת און בַּיי הִתְבּוֹדְדוּת זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס לִיגְט אוֹיפְן הַארְץ, אַזוֹי וִוי מֶען רֶעדְט זִיךְ אוֹיס צוּ אַ גוּטְן פְרַיינְד.

דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן עֶס זָאל מְקֻיָּם וֶוערְן דִי הַבְטָחָה פוּן סוֹף פַּרְשָׁה "לֹא יִתְיַצֵּב אִישׁ בִּפְנֵיכֶם, פַּחְדְּכֶם וּמוֹרַאֲכֶם יִתֵּן ה' אֱלֹקֵיכֶם עַל פְּנֵי כָל הָאָרֶץ" אָמֵן וְאָמֵן.

המשך פון זייט 12

# כ'וויל וויל אָבֶּער כ'קֶען נִישְׁט

גַאנְצֶע נַאכְט הָאט עֶר זִיךְ נִישְׁט גוּט גֶעשְׁפִּירְט, און יֶעצְט אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען שְׁלָאפְן. דִי תְּהִלִּים וָואס אִיר זָאגְט אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב, אָבֶּער אִיךְ בֶּעט אַייךְ, אוֹיבּ אִיר קֶענְט זָאלְט אִיר עֶס זָאגְן שְׁטִילֶער, כְּדֵי מַיין טַאטֶע זָאל זִיךְ קֶענֶען אוֹיסְשְׁלָאפְן. דִי קוֹלוֹת שְׁטֶערְן אִים, און אוּנְזֶער פֶענְסְטֶער אִיז מַמָּשׁ נָאנְט צוּם וַוייבֶּער שׁוּל. אִיר זֶעט? מַמָּשׁ דָא! יַישֶׁר כֹּחַ".

דֶער מַשְׁגִּיחַ הָאט אַלֶעמֶען גֶעזָאגְט: "מִיר זֶענֶען יֶעצְט 'אֲנוּסִים' פוּן צוּ קֶענֶען זָאגְן תְּהִלִּים הוֹיעֶךְ. טְרָאץ וָואס עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע זְכוּת, גֵייעֶן מִיר יֶעצְט זָאגְן תְּהִלִּים מִיט גְרוֹיס כַּוָונָה, אָבֶּער שְׁטִיל, כְּדֵי נִישְׁט צוּ שְׁטֶערְן זַיין מְנוּחָה. אַזוֹיוִוי מִיר הָאבְּן גֶעלֶערְנְט אִין דִי מַעֲשֶׂה, אַז עֶס זֶענֶען דָא מַצָּבִים וָואס מִיר זֶענֶען אַזוֹיוִוי דִי אֲנוּסִים און מִיר ווִילְן טוּן מִצְוֹת אָפְן און אוֹיפְן קוֹל, אָבֶּער דֶער בַּאשֶׁעפֶער וִויל אַז מִיר זָאלְן טוּן אַנְדֶערְשׁ - בַּאהַאלְטְן און שְׁטִיל".

"דוּ פַּארְשְׁטֵייסְט מַיין טַייעֶרֶע אֵיינִיקְל? דָאס אִיז אֵיין דוּגְמָא פוּן פִיל אַנְדֶערֶע מַצָּבִים, אִין וָואס מִיר קֶענֶען זַיין אֲנוּסִים".

# לעובדא ולמעשה

## אַ נִפְטַר אַ מְקוֹרָב...

צְווִישְׁן דִי קְלֵיינֶע הַייזְקֶעלֶעךְ מִיט דִי רוֹיטֶע דֶעכֶער אִין דִי שְׁטֶעטְל טְבֶרְיָה נֶעבְּן דֶעם יָם הַכִּנֶּרֶת הָאט גֶעוואוֹינְט פַאר אַרוּם הוּנְדֶערְט יָאר צוּרִיק הָרַב הֶחָסִיד ר' יִשְׂרָאֵל בֶּער אָדֶעסֶער זַ"ל, דֶער אֵיינְצִיגְסְטֶער בְּרֶסְלֶבֶ'ער פוּן דֶער גַאנְצֶער שְׁטָאט!... עֶר הָאט מְקַיֵּים גֶעוֶוען בִּפְשִׁיטוּת דֶעם סְעִיף פוּן שֻׁלְחָן עָרוּךְ "וְאַל יֵבוֹשׁ מִפְּנֵי הַמַּלְעִיגִים עָלָיו בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם". כָאטְשׁ עֶר אִיז גֶעוֶוען עֶלְנְד אַלֵיין אָן קַיין גוּטֶע פְרַיינְד אוּן וַוארֶעמֶע קְהִלָּה מִיט חֲסִידִים, אוּן דֶער גַאנְצֶער אַרוּם הָאט גֶעמַאכְט פוּן אִים גְרוֹיס לֵיצָנוּת אוֹיפְן גוּטְן פַאל.. מִיט דֶעם אַלֶעם הָאט עֶר זִיךְ גֶעהַאלְטְן אִין רֶבִּי'ן מִיט דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים אוּן גֶעוֶוען אַזוֹי וִוי דֶער קְלֵיין פַייעֶרְל פוּן רֶבִּין אִין שְׁטָאט טְבֶרְיָה.

וַוייל עֶר אִיז גֶעוָוארְן אַ בְּרֶסְלֶבֶ'ער אוּן רוֹב עוֹלָם דָארְט וואוּ עֶר הָאט גֶעוואוֹינְט זֶענֶען גֶעוֶוען מִתְנַגְּדִים הָאבְּן זֵיי אִים נִישְׁט גֶעוָואלְט בַּאצָאלְן "יְשִׁיבָה גֶעלְט" וָואס מֶען צָאלְט פַאר אַלֶע יוּנְגֶעלַייט וֶועלְכֶע הָאבְּן גֶעלֶערְנְט אִין יְשִׁיבָה, מֶען פְלֶעגְט אִים גֶעבְּן אַפָּאר פְּרוּטוֹת זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן אָבֶער נִישְׁט מֶער, עֶר הָאט דֶערְפַאר גֶעלֶעבְּט מִיט אַ שְׁרֶעקְלִיכֶע אָרֶעמְקַייט וָואס מֶען קֶען בִּכְלַל נִישְׁט הַיינְטִיגֶע צַייטְן אוֹיסְמָאלְן, נָאר צוּ גֶעבְּן אַבִּיסְל אַ בִּילְד וָואס הָאט גֶעמֵיינְט אָרֶעמְקַייט אִין יֶענֶע יָארְן אִיז אַז אֵיינֶע פוּן זַיינֶע קְלֵיינֶע קִינְדֶער אִיז לַיידֶער אוֹיסְגֶעגַאנְגֶען פוּן הוּנְגֶער

רַחֲמָנָא לִיצְלָן.

טְרָאצְדֶעם וָואס עֶר אִיז אַרִיבֶּער דִי אַלֶע צָרוֹת הָאט עֶר זִיךְ גֶעשְׁטַארְקְט מִיט מְסִירוּת נֶפֶשׁ אֵיינֶער אַנְטְקֶעגְן אַלֶע, אוּן הָאט אֲפִילוּ מְקַרֵב גֶעוֶוען אַנְדֶערֶע צוּם רֶבִּינְ'ס וֶועג. פוּן מָאל צוּ מָאל פְלֶעגְט עֶר קְלַייבְּן אַפָּאר מַטְבֵּעוֹת אוּן זִיךְ אַרוֹיסְלָאזְן דֶעם לַאנְגְן וֶועג קַיין יְרוּשָׁלַיִם עִיר הַקוֹדֶשׁ, דָארְט זֶענֶען גֶעוֶוען נָאךְ עֶטְלִיכֶע בְּרֶסְלֶבֶ'ע חֲסִידִים וָואס דָאס אִיז גֶעוֶוען פַאר אִים אַ יָקָר הַמְּצִיאוּת, מֶען קֶען הֶערְן אַפָּאר דִיבּוּרִים אוּן רֶעדְן מִיט עֶרְלִיכֶע חֲסִידִים אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, דִי חֲסִידִים וִוי ר' שְׁלֹמֹה וֶועקְסְלֶער, ר' נַפְתָּלִי כֹּהֵן, ר' שְׁמוּאֵל הוֹרוִויץ אוּן נָאךְ, נָאכְן אָנְפִילְן זַיינֶע טַאשְׁן מִיט נַייעֶ דִיבּוּרִים אוּן פְרִישֶׁע כּוֹחוֹת פְלֶעגְט עֶר צוּרִיקְמַאכְן דֶעם לַאנְגְן וֶועג קַיין טְבֶרְיָה אִין יֶענֶע צַייט, מִיט פֶערְד אוּן וָואגְן אָדֶער אֵייזְלֶען אַ רַייזֶע פוּן אַפָּאר טֶעג בִּיז עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּרִיק אִין שְׁטוּבּ.



אִין אֵיינֶע פוּן דִי נְסִיעוֹת צוּרִיק פוּן יְרוּשָׁלַיִם אִיז ר' יִשְׂרָאֵל בֶּער אָנְגֶעקוּמֶען צוּ אַן אוּמְבַּאקַאנְטְן שְׁטָאט, עֶר אִיז אַרַיין אִין אַ בֵּית מִדְרָשׁ וָואס אִיז גֶעוֶוען לֵיידִיג פוּן מֶענְטְשְׁן עֶס אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען נָאכְן דַאוֶוענֶען, וִוי עֶר שְׁפַּאנְט אַרַיין אִין דִי לֵיידִיגֶע שׁוּל זֶעט עֶר פְּלוּצְלוּנְג אַ מֶענְטְשׁ זִיצְט דֶער מֶענְטְשׁ הָאט אוֹיסְגֶעזֶען בְּלֹאס, צֶעבְּרָאכְן אוּן שְׁוַואךְ, עֶר זֶעט אוֹיס

מַמָּשׁ אַ נִפְטַר! הָאט ר' יִשְׂרָאֵל בֶּער גֶעטְרַאכְט צוּ זִיךְ, 'עֶר זִיצְט לֵיידִיג אוּן טוּט גָארְנִישְׁט זַיינֶע אוֹיגְן זוּכְן עֶפֶּעס אַ פַארְלוֹירֶענֶע פִּינְטְל אוֹיפְן דַאךְ, ס'קוּקְט אוֹיס וִוי עֶר זִיצְט אוּן וַוארְט אוֹיף זַיין יְצִיאַת נְשָׁמָה.'

ר' יִשְׂרָאֵל בֶּער הָאט גֶעפִּילְט אַז עֶר מוּז רַאטֶעוֶוען דֶעם אִיד, עֶס אִיז מַמָּשׁ הַצָּלַת נְפָשׁוֹת, עֶר גֵייט צוּ צוּ אִים אוּן פְרֶעגְט: "ר' אִיד וָואס אִיז מִיט אַייךְ? אֶפְשָׁר קֶען אִיךְ אַייךְ הֶעלְפְן?" דֶער נִפְטַר הָאט גֶעשֶׁענְקְט אַ מְיוּאָשׁ'דִיגֶע בְּלִיק אוֹיפְן חָסִיד וָואס אִיז אִים גֶעקוּמֶען שְׁטֶערְן דִי גֶעדַאנְקֶען, אוּן גֶעעֶנְטְפֶערְט שְׁטִיל: "דוּ קֶענְסְט מִיר נִישְׁט הֶעלְפְן!"

פַארְוָואס? הָאט ר' יִשְׂרָאֵל בֶּער נִישְׁט אָפְּגֶעלָאזְט, אֶפְשָׁר דָאךְ קֶען אִיךְ עֶפֶּעס טוּן פַאר אַייךְ?

"אִיךְ בִּין אַן אוּמְבַּאהָאלְפֶענֶער!" הָאט יֶענֶער וַוייטֶער גֶעמוּרְמְלְט, "קֵיינֶער קֶען מִיר נִישְׁט הֶעלְפְן! לָאמִיר אָפּ סְ'אִיז אַ שָׁאד דַיין צַייט!"

"חַס וְשָׁלוֹם! פַארְוָואס רֶעדְסְטוּ אַזוֹי? יֵשׁ עִנְיָן שֶׁיִתְהַפֵּךְ הַכֹּל לְטוֹבָה פוּן דִי עֶרְגְסְטֶע פְּלֶעצֶער קֶען זִיךְ אַלֶעס אִיבֶּערְדְרֵייעֶן לְטוֹבָה," הָאט ר' יִשְׂרָאֵל בֶּער אַרַיינְגֶעשְׁטְרַאלְט וַוארֶעמֶע לִיכְטִיגֶע דִיבּוּרִים אִין דֶער פִּינְסְטֶערֶע מָרָה שְׁחוֹרָה מִיט וָואס דֶער אִיד אִיז גֶעוֶוען אַרוּמְגֶענוּמֶען.

"קוּם אִיךְ וֶועל דִיר דֶערְצֵיילְן וֶועסְטוּ שׁוֹין אַלֵיין פַארְשְׁטֵיין פַארְוָואס אִיךְ רֶעד אַזוֹי," הָאט דֶער מֶענְטְשׁ גֶעזָאגְט אוּן דֶערְצֵיילְט:

בִּיז פַאר אַפָּאר מָאנַאטְן בִּין אִיךְ גֶעוֶוען פְרֵיילִיךְ וִוי אַ גֶעוֶוענְלִיכֶער מֶענְטְשׁ אוּן גֶעצוֹיגְן מַיין פַּרְנָסָה פוּן אַרְבֶּעטְן אִין אַ גֶעשֶׁעפְט, אָבֶער אִין דִי לֶעצְטֶע צַייט הָאבּ אִיךְ גֶעכַאפְּט אַ "מַחֲלַת הַשִּׁכְחָה" אַ קְרֶענְק פוּן פַארְגֶעסְן אוּן כְ'הָאבּ פַארְלוֹירְן מַיין זִכָּרוֹן, אִיךְ אַרְבֶּעט אִין גֶעשֶׁעפְט אוּן וֶוען אֵיינֶער בֶּעט מִיר אִיךְ זָאל אִים בְּרֶענְגֶען אַ גֶעוִויסֶע זַאךְ הֵייבּ אִיךְ אָן גֵיין אוּן גְלַייךְ פַארְגֶעס אִיךְ וָואס אִים צוּ בְּרֶענְגֶען, קוּם אִיךְ צוּרִיק אוּן יֶענֶער פְרֶעגְט מִיר "נוּ, וואוּ אִיז דִי סְחוֹרָה וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעבֶּעטְן?" אוּן אִיךְ שֶׁעם זִיךְ אִים צוּ זָאגְן אַז אִיךְ וֵויס נִישְׁט פוּן וָואס עֶר רֶעדְט... פְרֶעג אִיךְ אִים צוּם צְוֵוייטְן מָאל וָואס עֶר הָאט פַארְלַאנְגְט אוּן ווִידֶער גֵיי אִיךְ בְּרֶענְגֶען זַיינֶע סְחוֹרָה, אָבֶער וִוי אִיךְ גֵיי אַפָּאר טְרִיט, אוֹדְךָ... אִיךְ גֶעדֶענְק נִישְׁט וָואס הָאט עֶר פַארְלַאנְגְט.

אַזֶעלְכֶע יִסוּרִים בִּין אִיךְ אַרִיבֶּער דִי לֶעצְטֶע צַייט וֶוען דֶער קוֹנֶה בֶּעט מִיר אַהֶער אוּן אִיךְ בְּרֶענְג אִים אַהִין, אִיךְ גֶעדֶענְק גָארְנִישְׁט, אוּן מַיינֶע בִּזְיוֹנוֹת אִיז גֶעוֶוען בִּיזְן דַאךְ, אֵיין קוֹנֶה הָאט גֶעשְׁרִיגְן אוֹיף מִיר, דִי אַנְדֶערֶע הָאבְּן גֶעלַאכְט אוּן גֶעמַאכְט שְׁפַּאס פוּן מִיר, בִּיז מַיין בַּעַל הַבַּיִת הָאט גֶעזֶען אַז סְ'אִיז נִישְׁט קַיין תַּכְלִית, זַיין אַרְבֶּעטֶער קוּקְט אוֹיס וִוי עֶר אִיז מַמָּשׁ גֶעפַאלְן אוֹיפְן קָאפּ חַס וְשָׁלוֹם, עֶפֶּעס אִיז גֶעשֶׁען מִיט זַיין מֹחַ הָאט עֶר מִיר פַארְשִׁיקְט פוּן דֶער אַרְבֶּעט בִּיז אִיךְ וֶועל וֶוערְן גֶענְצְלִיךְ אוֹיסְגֶעהֵיילְט, אַזוֹי דְרֵיי אִיךְ זִיךְ אַרוּם אָן קַיין אַרְבֶּעט אָן קַיין גֶעלְט אָן קַיין בִּיסְל זֶעלְבְּסְטְזִיכֶערְקֵייט. וָואס טוּט זִיךְ מִיט מִיר? אִיךְ שֶׁעם זִיךְ צוּ רֶעדְן מִיט מֶענְטְשְׁן אֶפְשָׁר וֶועל אִיךְ רֶעדְן וָואס מֶען דַארְף נִישְׁט... כְ'וֶועל נִישְׁט גֶעדֶענְקֶען וֶועלְכֶע טָאג אִיז הַיינְט...

נוּ פְּרֶעג אִיךְ דִיר הָאט דֶער "נִפְטַר" אוֹיסְגֶעפִּירְט זַיין גֶעשִׁיכְטֶע, "הָאבּ אִיךְ וָואס צוּ זוּכְן דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט, אִיךְ פִּיל זִיךְ ווי אַן אִיבְּרִיגֶע שְׁטֵיינְדְל וָואס טוֹיג פַאר גָארְנִישְׁט, אִיךְ הָאבּ גֶעזָאגְט צוּם בַּאשֶׁעפֶער אַז לַיידֶער אִיז "טוֹב מוֹתִי מֵחַיַּי" ס'אִיז מִיר אַזוֹי בִּיטֶער אוּן שְׁוַוארְץ אַז אִיךְ זִיץ דָא יֶעצְט אוּן וַוארְט אוֹיף מַיין סוֹף.

"וָואס? חַס וְשָׁלוֹם אַזוֹי צוּ טְרַאכְטְן!" הָאט ר' יִשְׂרָאֵל בֶּער אָנְגֶעכַאפְּט דֶעם בְּלַאסְן נִפְטַר אוּן אַרַיינְגֶעקוּקְט אִין זַיינֶע אוֹיגְן, "ס'אִיז זִיכֶער דָא אַ תִּקְוָה! כָּל זְמַן מֶען לֶעבְּט דַארְף מֶען הָאפְן צוּ אַ יְשׁוּעָה, בַּיים אוֹיבֶּערְשְׁטְן קֶען זִיךְ אַלֶעס טוֹישְׁן אִין אֵיין אוֹיגֶנְבְּלִיק! "

"קוּם! אִיךְ הָאבּ פַאר דִיר זֵייעֶר טֵייעֶרֶע רְפוּאוֹת פוּן דֶעם גְרֶעסְטְן דָאקְטֶער אוֹיף דֶער וֶועלְט!" ר' יִשְׂרָאֵל בֶּער הָאט אַרוֹיסְגֶענוּמֶען אַ לִקּוּטֵי תְּפִלּוֹת פוּן זַיין זַאק אוּן גֶעגֶעבְּן דֶעם נִפְטַר אִין הַאנְט אוּן גֶעזָאגְט" "זֶעסְט דֶעם סֵפֶר? דָאס אִיז אַן עֶקְסְטֶערֶע טֵייעֶרֶע רְפוּאָה".

"דִי תְּפִלּוֹת צוּ זָאגְן וֶועט דִיר אוֹיסְהֵיילְן אִינְגַאנְצְן, עֶס וֶועט בּוֹיעֶן דַיין מֹחַ, אַוֶועקְשְׁטֶעלְן דַיין דַּעַת אוֹיפְן פְּלַאץ!" דֶער מֶענְטְש הָאט אָנְגֶעקוּקְט פַארְוואוּנְדֶערְט דֶעם פַייעֶרְדִיגְן חָסִיד וָואס רֶעדְט מִיט אִים אַזַא שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, עֶס הָאט אִים אוֹיסְגֶעקוּקְט אִינְטֶערֶעסַאנְט אַז אַ סֵפֶר זָאל זַיין אַ גּוֹרֵם וָואס זָאל אִים קֶענֶען צוּרִיקְבְּרֶענְגֶען זַיין פַארְלוֹירֶענֶעם זִכָּרוֹן, אָבֶּער וָואס הָאט עֶר צוּ דֶערְלֵייגְן.

"קוּם מִיט מִיר," הָאט ר' יִשְׂרָאֵל בֶּער צוּגֶערֶעדְט דֶעם נִפְטַר וָואס הָאט שׁוֹין בַּאקוּמֶען אַבִּיסְל אַ צוּרָה פוּן אַ אִיד וֶועלְכֶער אִיז אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען צוּ תְּחִיַּת הַמֵּתִים... "קוּם מִיט מִיר קַיין טְבֶרְיָה אִיךְ וֶועל דִיר בַּאזָארְגְן מִיט אַלֶעס וָואס דוּ דַארְפְסְט כְ'וֶועל דִיר גֶעבְּן פוּן מַיינֶע טַייעֶרֶע רְפוּאוֹת בִּיז דוּ וֶועסְט וֶוערְן אִינְגַאנְצְן גֶעזוּנְט!"

אוּן אַזוֹי אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען, דֶער גֶעוֶועזֶענֶער נִפְטַר אִיז גֶעגַאנְגֶען צוּזַאמֶען מִיט ר' יִשְׂרָאֵל בֶּער אַהֵיים קַיין טְבֶרְיָה, דָארְט הָאט ר' יִשְׂרָאֵל



גֶעלֶערְנְט מִיט אִים דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, אִים גֶעשְׁטַארְקְט אוּן דֶערְמִינְטֶערְט, בִּיז עֶר הָאט זִיךְ צוּבִּיסְלֶעךְ גֶעשְׁטַארְקְט אוּן אַזוֹי אַרוֹיף אִיז אִים צוּרִיקְגֶעקוּמֶען זַיין זִכָּרוֹן, עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן גֶעדֶענְקֶען בֶּעסֶער אוּן בֶּעסֶער. ר' יִשְׂרָאֵל הָאט אִים גֶעדַאֲגֶה'ט ווי אַן אֵייגֶענֶעם קִינְד בִּיז עֶר אִיז צוּרִיק צוּם גֶעוֶוענְלִיכְן לֶעבְּן, עֶר הָאט חֲתוּנָה גֶעהַאט אוּן גֶעטְרָאפְן אַ גוּטֶע אַרְבֶּעט אוּן אִיז מַמָּשׁ צוּרִיקְגֶעשְׁטֶעלְט גֶעוָוארְן אוֹיף דִי אֵייגֶענֶע פִיס...

דָאס אִיז גֶעשֶׁען אַלְס תּוֹצָאָה פוּנֶעם פַּשְׁטוּת מִיט דִי אֱמֶת'דִיגֶע תְּמִימוּת'דִיגֶע אֱמוּנָה פוּן ר' יִשְׂרָאֵל בֶּער זַ"ל אַז דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן אִיז אַ רְפוּאָה פַאר אַלְסְדִינְג בְּרוּחָנִיּוֹת אוּן בְּגַשְׁמִיּוֹת.



# אונטערוועגנס #8

## ביי רבי נתנ'ס נסיעות

*רבי נתן זיצט אויף קעסט ביי זיין חשוב'ער שווער הגה"צ רבי דוד צבי אויערבאך זצ"ל, וואו ער שטייגט אין תורה ועבודה, גלייכצייטיג ווערט ער דערוויטערט פון דרך החסידות. אין יאר תקנ"ה ציט ער זיך אריבער קיין נעמירוב וואו זיין טאטע נעמט אים אריין אויף קעסט.*

אצינד לייענט ווייטער:

## אין א חסיד'ישע סביבה

"קוק אויף דעם קליינעם נתנ'לע, ווי ער איז אויסגעשטיגן. פשיהא! א געהויבענער איגערמאן געווארן!"

"יא," האט א צווייטער צוגעשטומט. "איך האב געהערט זאגן אז ער האט זיך דא אריבערגעצויגן צו וואוינען ביים פאטער, ר' נפתלי הערץ. צו האבן אזא דערהויבענעם זון איז א זכי'."

"נאר איין זאך," האט א דריטער זיך ארייגעמישט. "מען דארף זען ער זאל זיך אביסל אנקלעפן אין דרך החסידות. פאר אזא עובד השם פאסט זיך צו זיין מקושר צו צדיקים."

"נו, וואס קען מען טון, ער איז דאך אויפגעוואקסן אזוי ווייט דערפון."

"נישט געזארגט, חסידות איז אן אנשטעקיגע זאך..."

אויך אין נעמירוב האט זיך רבי נתן אריינגעווארפן אין ים התלמיד לערנענדיג מיט התמדה ווי זיין שטייגער. זיין חברותא איז געווען רבי ליפא, אויך א דערהויבענער איגערמאן נאר איין צווישנשייד האט ער געהאט, ער איז אויפגעוואקסן אין א חסיד'ישע שטוב וואו מען איז געווען מקושר צו צדיקים, ער איז געווארן אן איידעם ביי חסיד'ישער שווער און ער אליין פלעגט אפט וויילן בצל קדשם פון תלמידי בעל שם. אבער פאר רבי נתן האט ווייניג געקומערט דער פאקט, אבי דער רבי ליפא איז א גוטער חברותא מיט וועמען מען קען שטייגן אין תורה. רבי ליפא האט אבער יא פרובירט צו ציען רבי נתן צום דרך החסידות, אזוי אויך די אנדערע אינגעלייט פון ביהמ"ד. זיי האבן שוין געקאסט דעם טעם פון חסידות און געוואלט אז אויך זייער חבר זאל זוכה זיין צו דעם אלעם. אבער רבי נתן, וועלכער איז אויפגעוואקסן מיט פארקערטע השקפות האט זיך ווייטער געהאלטן מיט זיין דרך און געלאזט יעדן גיין זיין וועג.

מיט דעם אלעם האט רבי נתן געהאט אן איינגעבוירענעם מידות האמת וואס האט אים נישט געלאזט זיך פארדרייען דעם קאפ. זיין שטרעבונג צו דינען דעם אויבערשטן בשלימות

און שטייגן מדרגה לדרגה אין תורה און תפילה, האט אים נישט געגעבן קיין מנוחה. עס האט עפעס געמאנט פון אים. ער האט געשפירט אז עס זענען פאראן העכערע מדריגות אין עבודת השם וואס ער קען נישט דערגרייכן, צום ביישפיל, דאווענען מיט מער א ברען, לערנען מיט מער א חיות. איבערהויפט האט אים געשטערט אז צוליב זיין עילוי'שער קאפ האט ער זיך געמוטשעט צו זיין פאלקאם קאנצענטרירט ביים דאווענען. אינמיטן זיינע תפילות פלעגן אים ארויפקומען אין געדאנק ענינים פון סוגיות אין ש"ס און פוסקים פון וואס ער האט געהאלטן אינמיטן לערנען. רבי נתן האט פארשטאנען אז ער מוז זוכן א מורה־ דרך וואס וועט אים העלפן שטייגן צו העכערע מדריגות צו קענען דינען דעם אויבערשטן מיט א שלימות.

## רבי נתן ווערט אנגעצונדן

דריינדיג זיך אין א חסיד'ישע סביבה איז אטאמאטיש חסידות געווען דער הויפט טעמע ביי אלע געשפרעכן, וואס רבי נתן האט מיטגעהאלטן מיט א האלבן אויער. מען האט גערעדט פון די הייליגע רביים אין זייערע געהויבענע עבודות און געשמועסט איבער די נסיעות צום רבי'ן. אזוי, טאג טעגליך האבן רבי ליפא און זיינע חברים גערעדט פון די זעלטענע הויכע מדריגות אין עבודת השם פון די פולע גרויסע צדיקים פון יענע תקופה וועלכע פירן זיך לויטן דרך הבעל שם, אנצייגנדיג אז די אלע חסיד'ישע אינגעלייט וועלכע זענען מקושר צו אט די גרויסע צדיקים זענען עפעס גאר ספעציעל מיט יראת משים און לייגן אראפ א פייערדיגע דאווענען מיט א חיות אין ברען.

רבי נתן האט זיך אנגעהויבן צו וואקלען מיט ספיקות איבער דאס חשיבות פון חסידות.

איין טאג איז פארביי געפארן אין נעמירוב א געהויבענער אינגערמאן וועלכער האט געוואוינט אין האניפאלי און רבי נתן האט אים איינגעלאדענט צו זיך אין שטוב. אין יענע צייט, אז מען האט גערייזט לאנגע טעג מיטן פערד און וואגן איז מען געווען אנגעוויזן אין די גענאד פון אחינו בני ישראל, חוץ אויב מען האט זיך געקענט ערלויבן צו איינשטיין אין א גאסט הויז. די אידן האבן שוין געוואוסט אז מען זעט א פרעמדער אין ביהמ"ד דארף מען אים אנטראגן אן אכסניה.

רבי נתן האט מכבד געווען דעם איד זיך צו זעצן צו א מאלצייט און געשטאנען דערביי ווען דער איד האט זיך געוואשן צו נטילת ידים. ווי ערשטוינט איז רבי נתן געווארן צוזעענדיג מיט וואספארא התלהבות דער איד האט געמאכט דעם ברכה.

"איר קומט פון אניפאלי, נישט אזוי? אפשר קענט איר דעם רבי'ן, רבי זושא?" האט רבי נתן געפרעגט זיין גאסט.

"וואספארא שאלה?! זיכער קען איך אים. ער איז דאך מיין רבי. איך מאך זיכער זיך צו דרייען וואו מען איז זיין געגנווארג אז איך זאל קענען אריינכאפן וואס מער יראת שמים. איר קענט זיכער זיין אז יעדעס ביסל התעוררות און חיות אין מצוות וואס איך פארמאג, קומט אלעס נאר פאר דעם הייליגן רבי'ן רבי זושא."

דער חסיד האט ווייטער דערציילט און דערציילט איבער אלע הויכע מדריגות פון רבי זושא און האט אויך געשילדערט פאר רבי נתן אז ווען ס'קומט ביינאכט ביי חצות, ווארפט זיך רבי זושא ארויס פון בעט און שרייט, "זושא, זושא! שטיי שוין אויף, דאס איבעריגע וועסטו שוין שלאפן אין קבר!"

הערנדיג אזעלכע דערהויבענע דיבורים איז רבי נתן זייער איבערגענומען געווארן.

ליינט אי"ה אין קומענדיגן נומער

# סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מִשָּׁנִים קַדְמוֹנִיּוֹת



## מַעֲשֶׂה ד'

## דֶער 'מֶלֶךְ' וָואס הָאט גוֹזֵר גֶעוֶוען 'שְׁמַד'

[א] אַמָאל אִיז גֶעוֶוען אַ 'מֶלֶךְ' – הָאט עֶר גוֹזֵר גֶעוֶוען אוֹיף דֶער 'מְדִינָה', 'גֵירוּשׁ', בִּגְזֵירַת 'שְׁמַד' – (דְהַיְינוּ): "אַז וֶוער עֶס וִויל בְּלַייבְּן אִין דֶער 'מְדִינָה', מוּז עֶר זִיךְ שְׁמַדְ'ן! – אוּן אַז נִישְׁט, זָאל מֶען אִים אַרוֹיסְטְרַייבְּן פוּן דֶער 'מְדִינָה'"!

אִיז גֶעוֶוען אַ טֵייל [פוּן זֵיי]: וָואס זֵיי הָאבְּן מַפְקִיר גֶעוֶוען גָאר זֵייעֶר גוּטְס, מִיט זֵייעֶר עֲשִׁירוּת – אוּן זֶענֶען פוּן דָארְט אַרוֹיס בְּדַלוּת [אָרִים] – כְּדֵי זֵיי זָאלְן בְּלַייבְּן בַּיי דֶער 'אֱמוּנָה', זֵיי זָאלְן קֶענֶען זַיין אִידְן!

אוּן אַ טֵייל [פוּן זֵיי]: הָאבְּן רַחֲמָנוּת גֶעהַאט אוֹיף זֵייעֶר [גוּטְס, מִיט זֵייעֶר] עֲשִׁירוּת, אוּן [זֵיי] זֶענֶען דָארְטְן גֶעבְּלִיבְּן! זֶענֶען זֵיי גֶעוֶוען 'אֲנוּסִים'! – [אַז] 'בְּצִינְעָא' (דְהַיְינוּ: פַארְבָּארְגְן [בַּאהַאלְטֶענֶערְהֵייט]) הָאבְּן זֵיי נוֹהֵג גֶעוֶוען [זִיךְ גֶעפִירְט] דֶעם 'דַת פוּן אִידְן', אוּן 'בְּפַרְהֶסְיָא' (דְהַיְינוּ: פַאר לַייט [אָפֶענֶערְהֵייט צְוִוישְׁן מֶענְטְשְׁן]) הָאבְּן זֵיי נִישְׁט גֶעטָארְט זִיךְ נוֹהֵג זַיין וִוי אִידְן!

[ב] דֶערְנָאךְ אִיז דֶער 'מֶלֶךְ' גֶעשְׁטָארְבְּן! – אִיז דֶער 'זוּהְן' גֶעוָוארְן 'מֶלֶךְ'! – אוּן הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן פִירְן דִי 'מְדִינָה' זֵייעֶר שַׁארְף! – אוּן הָאט אָפְּגֶענוּמֶען אַסַאךְ מְדִינוֹת! – אוּן עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער 'חָכָם'!

אוּן מַחֲמַת [וַוייל] עֶר הָאט זֵייעֶר שַׁארְף גֶעהַאלְטְן אִין דֶער הַאנְט דִי 'שָׂרֵי־מְלוּכָה' – הָאבְּן זֵיי זִיךְ אוֹיף אִים [אַ עֵצָה גֶעגֶעבְּן, אוּן] גֶעמַאכְט אַ 'בּוּנְד': "אַז זֵיי זָאלְן אוֹיף אִים אָנְפַאלְן, אוּן זָאלְן אִים אוֹיסְ'הַרְגֶ'ענֶען, אִים מִיט אַלֶע זַיינֶע קִינְדֶער"!

אוּן צְוִוישְׁן דִי 'שָׂרִים', אִיז גֶעוֶוען אֵיינֶער פוּן דִי 'אֲנוּסִים'! – הָאט עֶר זִיךְ מְיַישֵׁב גֶעוֶוען: "נָאךְ וָואס [פַארְוָואס] בִּין אִיךְ אַ 'אוֹנֵס' [אָנוּס], מַחֲמַת [וַוייל] אִיךְ הָאבּ חַס גֶעהַאט [גֶעשׁוֹינְט] אוֹיף מַיין הָאבּ, אוּן אוֹיף מַיין עֲשִׁירוּת! – הַיינְט אַז מֶען וֶועט דֶעם 'מֶלֶךְ' הַרְגֶ'ענֶען, אוּן דִי 'מְדִינָה' וֶועט בְּלַייבְּן אָן אַ 'מֶלֶךְ' – "וֶועט [דָאךְ] אֵיינֶער דֶעם אַנְדֶערְן, לֶעבֶּעדִיגֶערְהֵייט אַיינְשְׁלִינְגְן" (אָבוֹת פ"ג מ"ב) – וָוארְן אַ 'מְדִינָה' קֶען נִישְׁט זַיין אָן אַ 'מֶלֶךְ'!

דְרוּם [דֶערִיבֶּער] הָאט עֶר זִיךְ מְיַישֵׁב גֶעוֶוען [אוּן זִיךְ אַ עֵצָה גֶעגֶעבְּן]: "[אַז] עֶר וֶועט גֵיין, אוּן וֶועט אוֹיסְזָאגְן [פַאר] דֶעם 'מֶלֶךְ' – אוּן זֵיי [דִי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶע 'שָׂרֵי־מְלוּכָה'] זָאלְן נִישְׁט וִויסְן"!

אוּן [עֶר] אִיז גֶעגַאנְגֶען, אוּן הָאט גֶעזָאגְט [פַאר] דֶעם 'מֶלֶךְ': "אַז מֶען הָאט זִיךְ אוֹיף אִים גֶעבּוּנְטֶעוֶועט, כַּנַ"ל [וִוי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט]"!

אִיז גֶעגַאנְגֶען דֶער 'מֶלֶךְ', אוּן הָאט אוֹיסְגֶעפְּרוּבְט: "אוֹיבּ עֶס אִיז אֱמֶת"?! – הָאט עֶר גֶעזֶעהְן: "אַז עֶס אִיז אֱמֶת"! – הָאט עֶר גֶעשְׁטֶעלְט 'שׁוֹמְרִים'!

[אִין] דִי [דָאזִיגֶע] נַאכְט וָואס זֵיי זֶענֶען אוֹיף אִים אָנְגֶעפַאלְן, הָאט מֶען זֵיי גֶעכַאפְּט! אוּן מֶען הָאט זֵיי דַן גֶעוֶוען [גֶע'מִשְׁפָּט], אִיטְלֶעכְן [לוֹיט] וִוי זַיין 'מִשְׁפָּט' אִיז גֶעוֶוען!

[ג] הָאט זִיךְ דֶער 'מֶלֶךְ' אָנְגֶערוּפְן אוּן הָאט גֶעזָאגְט, צוּ דֶעם [אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטְן] 'שַׂר' וָואס עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ 'אוֹנֵס' [אָנוּס]: "וָואס פַאר אַ כָּבוֹד זָאל אִיךְ דִיר גֶעבְּן, דֶערְפַאר וָואס דוּ הָאסְט מִיךְ מַצִיל גֶעוֶוען מִיט מַיינֶע קִינְדֶער?!

זָאל אִיךְ דִיךְ מַאכְן פַאר אַ שַׂר? (דְהַיְינוּ: פַאר אַ הַאר)? – דוּ בִּיזְט דָאךְ בְּלוֹיז [אָן דֶעם אוֹיךְ] שׁוֹין אַ 'שְׂרָרָה'?!

זָאל אִיךְ דִיר גֶעבְּן 'גֶעלְט'? – דוּ הָאסְט [דָאךְ]

אַלֵיין גֶעלְט?!

זָאג וָואסְפַּאַרַא כָּבוֹד דוּ ווִילְסְט – וֶועל אִיךְ עֶס דִיר בְּוַודַאי טוּהְן!"

הָאט דֶער 'אוֹנֵס' [אָנוּס] גֶעעֶנְטְפֶערְט: "וֶועסְטוּ מִיר אָבֶער טָאן, וָואס אִיךְ וֶועל זָאגְן"?!

זָאגְט דֶער 'מֶלֶךְ': "יָא, אִיךְ וֶועל דִיר בְּוַודַאי טָאן וָואס דוּ וֶועסְט וֶועלְן!"

הָאט דֶער 'אוֹנֵס' [אָנוּס] גֶעזָאגְט: "שְׁוֶוער מִיר בַּיי דַיין קְרוֹין, אוּן בַּיי דַיין 'מְלוּכָה'"!

הָאט אִים דֶער מֶלֶךְ גֶעשְׁווָאוִירְן!

הָאט זִיךְ דֶער 'אוֹנֵס' [אָנוּס] אָנְגֶערוּפְן: "גָאר מַיין 'כָּבוֹד' אִיז, אַז אִיךְ זָאל מֶעגְן זַיין אַ 'יְהוּדִי' בְּפַרְהֶסְיָא (דְהַיְינוּ: פַאר לַייט [אָפֶּענֶערְהֵייט צְווִישְׁן מֶענְטְשְׁן]), אִיךְ זָאל מֶעגְן לֵייגְן 'טַלִית אוּן תְּפִילִין' בְּפַרְהֶסְיָא"!

הָאט עֶס דֶעם 'מֶלֶךְ' זֵייעֶר גֶעאַרְט, מַחֲמַת [ווייל] אִין זַיין גַאנְצֶער 'מְדִינָה', טָאר נִישְׁט זַיין קֵיין 'יְהוּדִים' – נָאר עֶר הָאט [דָאךְ] אָבֶער קֵיין בְּרֵירָה נִישְׁט גֶעהַאט, מַחֲמַת [צוּלִיבּ] דֶער 'שְׁבוּעָה' וָואס עֶר הָאט אִים גֶעשְׁווָאוִירְן: "אַז וָואס עֶר וֶועט וֶועלְן זָאל עֶר אִים טוּהְן"!

אִינְדֶערְפְרִי! אִיז גֶעגַאנְגֶען דֶער 'אוֹנֵס', אוּן הָאט גֶעלֵייגְט 'טַלִית אוּן תְּפִילִין' בְּפַרְהֶסְיָא!

[א] דֶערְנָאךְ אִיז דֶער 'מֶלֶךְ' גֶעשְׁטָארְבְּן!

אִיז גֶעוָוארְן זַיין זוּהְן 'מֶלֶךְ'! – דֶער 'זוּהְן' הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ פִירְן דִי 'מְדִינָה' מִיט גוּטְן, מַחֲמַת עֶר הָאט גֶעזֶעהְן [אַז] מְ'הָאט גֶעוָואלְט זַיין 'פָאטֶער' אוֹיסְרַייסְן, כַּנַ"ל [ווִי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט]! – אוּן עֶר הָאט אַיינְגֶענוּמֶען אַסַאךְ מְדִינוֹת! – אוּן [עֶר] אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער 'חָכָם'!

דֶער 'מֶלֶךְ' הָאט גֶעהֵייסְן: "אַז מְ'זָאל צוּם אוֹיפְרוּפְן [צוּנוֹיפְרוּפְן] אַלֶע 'שְׁטֶערְנְזֶעהֶער', אַז זֵיי זָאלְן אִים זָאגְן: פוּן אַ וָואסֶערֶע [וָואסְפַּאַרַא] זַאךְ קֶען זַיין 'זֶרַע' פַאַרְשְׁנִיטְן וֶוערְן – כְּדֵי עֶר זָאל זִיךְ דֶערְפַאר [דֶערְפוּן] הִיטְן"!

הָאבְּן אִים דִי 'שְׁטֶערְנְזֶעהֶער' גֶעזָאגְט: "אַז זַיין 'זֶרַע' וֶועט נִישְׁט פַאַרְשְׁנִיטְן וֶוערְן – נָאר עֶר זָאל זִיךְ הִיטְן פוּן אַ 'שׁוֹר־וָשֶׂה' (דְהַיְינוּ: פוּן אַ 'אָקְס', אוּן פוּן אַ 'לֶעמֶעלֶע')" ! – הָאט מֶען דָאס פַאַרְשְׁרִיבְּן אִין דֶעם 'סֵפֶר־הַזִּכְרוֹנוֹת'!

דֶער 'מֶלֶךְ' הָאט אָנְגֶעזָאגְט זַיינֶע 'קִינְדֶער': "אַז זֵיי זָאלְן אוֹיךְ אַזוֹי פִירְן דִי 'מְדִינָה' ווִי עֶר, מִיט גוּטְן"!

[ב] דֶערְנָאךְ אִיז עֶר גֶעשְׁטָארְבְּן! – אִיז גֶעוָוארְן זַיין 'זוּהְן' 'מֶלֶךְ'! – אוּן עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן פִירְן דִי 'מְדִינָה' מִיט שַׁארְפְקֵייט, אַזוֹי־ווִי זַיין 'זֵיידֶע'! – אוּן הָאט אָפְּגֶענוּמֶען אַסַאךְ מְדִינוֹת!

אוּן [עֶר] אִיז גֶעפַאלְן [עֶס אִיז אִים אַיינְגֶעפַאלְן] אוֹיף אַ 'חָכְמָה', אוּן הָאט גֶעהֵייסְן אוֹיסְרוּפְן: "אַז עֶס זָאל זִיךְ נִישְׁט גֶעפִינֶען אִין זַיין 'מְדִינָה', קֵיין 'אָקְס' אוּן קֵיין 'שָׁאף' – כְּדֵי זַיין 'זֶרַע' זָאל נִישְׁט קֶענֶען פַאַרְשְׁנִיטְן וֶוערְן"!

אוּן [עֶר] הָאט זִיךְ גֶעטְרַאכְט: "[אַז דֶעריבֶּער] הַיינְט הָאט עֶר קֵיין מוֹרָא נִישְׁט פַאר קֵיין שׁוּם זַאךְ"!

אוּן הָאט גֶעפִירְט דִי 'מְדִינָה' זֵייעֶר שַׁארְף! – אוּן עֶר אִיז גֶעוָוארְן זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער 'חָכָם'!

[ג] דֶער 'מֶלֶךְ' אִיז גֶעפַאלְן [עֶס אִיז אִים אַיינְגֶעפַאלְן] אוֹיף אַ 'חָכְמָה': "אַז עֶר זָאל קֶענֶען אָפְּנֶעמֶען גָאר דִי וֶועלְט אָן 'מִלְחָמָה'"!

וָוארְן ס'פַאַרְהַאנְדְן 'זִיבְּן־חֲלָקִים' אִין דֶער וֶועלְט – וָוארְן דִי וֶועלְט אִיז גֶעטֵיילְט אוֹיף 'זִיבְּן־חֲלָקִים'!

אוּן ס'פַאַרְהַאנְדְן 'שִׁבְעָה־כּוֹכְבֵי־לֶכֶת'! (דְהַיְינוּ: 'זִיבְּן־שְׁטֶערְן', וָואס זֵיי גֵייעֶן אַרוּם דִי 'זִיבְּן־טֶעג' פוּן דֶער 'וָואךְ')!

אוּן אִיטְלֶעכֶער 'שְׁטֶערְן' [פוּן דִי 'דָאזִיגֶע זִיבְּן־שְׁטֶערְן'] – לַייכְט אַרַיין אִין אַ חֵלֶק פוּן דִי 'זִיבְּן־חֲלָקִים' פוּן דֶער וֶועלְט!

אוּן ס'פַאַרְהַאנְדְן 'שִׁבְעָה־מִינֵי־מַתָּכוֹת'! (דְהַיְינוּ: זִיבְּן עֶרְלֵיי 'אַייזְנְוַוארְג', דְהַיְינוּ: 'גָאלְד', אוּן 'זִילְבֶּער', אוּן 'קוּפֶּער', אוּן 'צִין' וְכוּ')!

אוּן אִיטְלֶעכֶער 'שְׁטֶערְן' פוּן דִי [אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶע] 'זִיבְּן־שְׁטֶערְן' – לַייכְט אַרַיין אִין אַ בַּאזוּנְדֶער מִין 'אַייזְנְוַואֹרְג'!

אִיז דֶער 'מֶלֶךְ' גֶעגַאנְגֶען, אוּן הָאט צוּם אוֹיפְגֶענוּמֶען [צוּנוֹיפְגֶענוּמֶען] דִי אַלֶע 'זִיבְּן־עֶרְלֵיי־אַייזְנְוַואֹרְג' – אוּן הָאט גֶעהֵייסְן: "מְ'זָאל אִים בְּרֶענְגֶען אַלֶע 'גִילְדֶענֶע־פַּאטְרֶעטְן' [בִּילְדֶער] פוּן אַלֶע 'מְלָכִים', וָואס זֵיי הֶענְגְן אִין זֵייעֶרֶע 'פַּאלַאצְן'"!

אוּן עֶר הָאט גֶעמַאכְט דֶערְפוּן אַ 'מֶענְטְשׁ' – דֶער 'קָאפּ' אִיז גֶעוֶוען פוּן 'גָאלְד' – דֶער 'גוּף' פוּן 'זִילְבֶּער' – אוּן אַזוֹי דִי אִיבְּרִיגֶע 'אֵבָרִים', זֶענֶען גֶעוֶוען פוּן אַנְדֶערֶע 'אַייזְנְוַואֹרְג' – סֶע [סְ'אִיז] גֶעוֶוען אִין דֶעם 'מֶענְטְשְׁן', אַלֶע 'זִיבְּן־עֶרְלֵיי־אַייזְנְוַואֹרְג'!

אוּן עֶר הָאט דֶעם 'מֶענְטְשׁ' גֶעשְׁטֶעלְט, אוֹיף אַ 'הוֹיכְן־בַּארְג'! – הָאבְּן אַלֶע 'שִׁבְעָה־כּוֹכְבֵי־לֶכֶת' (דְהַיְינוּ: אַלֶע 'זִיבְּן־שְׁטֶערְן') – אַרַיינְגֶעלַייכְט אִין דֶעם [דָאזִיגְן] 'מֶענְטְשְׁן'!

אוּן אַז אַ 'מֶענְטְשׁ' הָאט גֶעדַארְפְט עֶפֶּעס אַ 'עֵצָה', אָדֶער אַ 'מַשָּׂא־וּמַתָּן' [הַאנְדְל] – אוּן הָאט נִישְׁט גֶעווּאוּסְט אוֹיבּ עֶר זָאל יָא טָאן, אָדֶער נֵיין – פְלֶעגְט עֶר זִיךְ שְׁטֶעלְן, אַקֶעגְן דֶעם 'אֵבֶר' פוּן דֶעם [סָארְט] 'אַייזְנְוַואֹרְג', וָואס סְ'קֶער [עֶס בַּאלַאנְגְט] צוּ דֶעם 'חֵלֶק' פוּן דֶער וֶועלְט, וָואס דֶער 'מֶענְטְשׁ' [וָואס פְרֶעגְט דִי 'עֵצָה'] אִיז פוּן דָארְט גֶעוֶוען – אוּן דֶער 'מֶענְטְשׁ' הָאט אִינְזִין גֶעהַאט: "אוֹיבּ עֶר זָאל טָאן דִי זַאךְ וָואס עֶר הָאט בַּאדַארְפְט, אוֹיבּ נֵיין"!

אוּן אַז עֶר הָאט בַּאדַארְפְט יָא צוּ טָאן, פְלֶעגְט לַייכְטְן אוּן שַׁיינֶען דָאס 'אֵבֶר'! – אוּן אַז נִישְׁט, אִיז פִינְסְטֶער גֶעוָוארְן דָאס 'אֵבֶר'!

(דָאס הָאט אַלְץ דֶער 'מֶלֶךְ' גֶעטָאן) – אוּן דוּרְכְדֶעם הָאט עֶר אָפְּגֶענוּמֶען [אַיינְגֶענוּמֶען] גָאר דִי [גַאנְצֶע] וֶועלְט! – אוּן הָאט אַיינְגֶעזַאמְלְט זֵייעֶר אַסַאךְ גֶעלְט!

[ד] נָאר דֶער [דָאזִיגֶער] 'מֶענְטְשׁ' [צוּזַאמְנְשְׁטֶעל] וָואס עֶר הָאט גֶעמַאכְט פוּן דִי 'זִיבְּן־עֶרְלֵיי־אַייזְנְוַואֹרְג' – אִיז נִישְׁט מְסוּגָל גֶעוֶוען צוּ דֶער [אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶער] זַאךְ – נָאר בְּאוֹפָן [אוּן מִיטְן בַּאדִינְג]: אַז דֶער 'מֶלֶךְ' זָאל 'מַשְׁפִּיל־גֵאִים' זַיין, אוּן זָאל 'מַגְבִּיהַ־שְׁפָלִים' זַיין! (דְהַיְינוּ: 'גְרוֹיסֶע־לַייט' זָאל עֶר אַרָאפְּוַוארְפְן פוּן זֵייעֶר גְדוּלָה – אוּן 'קְלֵיינֶע־לַייט' זָאל עֶר אוֹיפְהֵייבְּן)!


בסיעתא דשמיא

# הודעה חשובה!

בעז"ה יתקיים כנס מיוחד
לכלל נשות ברסלב

כהכנה לראש השנה של רבינו.

הכנס בשפת האידיש

באולמי מנוחה ושמחה

יום שלישי ב' אלול בשעה 8.15

דמי כניסה: 30 ש"ח לכיסוי חלק מההוצאות

רק תחזיקו עצמכם ביחד
נשות ברסלב
בהכוונת הרב ר' שמעון אלי' ברוין שליט"א

:pe ____________



# לאמיר זיך פארהערן

## די פערטע מעשה – דער מלך שגזר שמד(1)

**א. וואס האט דער מלך גוזר געווען אויף דער מדינה?**
- ❑ צו פארטרייבן אלע אידן פון דער מדינה
- ❑ צו הרג'ענען אלע אידן פון דער מדינה
- ❑ אז ווער עס וויל בלייבן אין דער מדינה מוז זיך שמד'ן

**ב. וואס האבן די אידן געטון?**
- ❑ א טייל האבן מפקיר געווען זייער גאנצער פארמעגן, און זענען ארויס פון דארטן
- ❑ א טייל זענען געבליבן און זיך געפירט ווי אידן באהאלטענערהייט
- ❑ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ג. ווער האט אויסגעזאגט פאר דעם מלך אז מען וויל אים הרג'ענען?**
- ❑ א גוי, איינער פון די שרים
- ❑ א איד איינער פון די אנוסים
- ❑ א איד א שר איינער פון די אנוסים

**ד. וועלכע כבוד האט מען געגעבן פאר דער וואס האט אויסגעזאגט?**
- ❑ מען האט אים געמאכט פאר א שר
- ❑ מען האט אים געגעבן געלט
- ❑ אז ער זאל מעגן לייגן טלית און תפילין בפרהסיא

**ה. די שטערן זעערס האבן געזאגט פאר'ן מלך זיך צו אפהיטן פון?**
- ❑ פירן די מלכות שארף
- ❑ פון א קו און א אקס
- ❑ פון א אקס און א לעמעלע

**ו. שאלה זכות: דער מלך איז געפאלן אויף א חכמה אז?**
- ❑ אז עס זאל זיך נישט געפונען אין זיין מדינה קיין אקס און קיין שאף
- ❑ ער זאל קענען אפנעמען די וועלט אן קיין מלחמה
- ❑ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ז. וואס האט דער מלך געהאט פון דעם וואס ער האט געמאכט די מענטש פון אייזן?**
- ❑ ער האט איינגענומען די וועלט
- ❑ ער האט איינגעזאמלט אסאך געלט
- ❑ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ח. וואס האט דער מלך געטון ?**
- ❑ משפיל געווען אלע שרים
- ❑ געמאכט פשוטע מענטשן פאר שרים
- ❑ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ט.** האסטו געלערנט די מעשה פון די וואך?
- ❑ איינמאל
- ❑ צווימאל
- ❑ איך האב געוואלט



## טיפער געטראכט

### וויפל קעניג'ן זענען דא אין אונזער מעשה פון די וואך?

### און ווער פון זיי האט געפירט די מדינה מיט גוטן?

## תשובות אויף די פריערדיגע וואך☐

וואו זעט מען אין די מעשה אז אפי' די גוים זענען מכיר אין די גרויסקייט פון די תפילת פון די אידן ?

**און דער מלך האט גוזר געווען אויף די אידן זאלן מתפלל זיין**

און אין וועלכע מעשה נאך, זעט מען די זעלבע זאך (אז אפי' די גוים זענען מכיר אין די תפילת פון די אידן) ?

**אין מעשה ה' בן מלך מאבנים טובות**

**געווינער אויף די בחינות פון 'חגר #6' איז הילד הח' יעקב יצחק ראטענבערג, ירושלים כתה ב'**
**די מתנה קען מען באקומען ביים משגיח אין חדר ברסלב ר' משה גפנער הי"ו**

**צו ענטפערן די בחינות און ארייגגיין אינעם גורל, 02-5-3333-72 646-585-3040**

# כְּ'ווִיל ווִיל אָבֶער כְּ'קֶען נִישְׁט

אִין דִי נַייעֶ מַעֲשֶׂה וָואס מִיר הָאבְּן אָנְגֶעפַאנְגֶען דִי וָואךְ - דִי מַעֲשֶׂה וָואס וֶוערְט אוֹיךְ אָנְגֶערוּפְן "מַעֲשֶׂה נִיסִים", דֶערְצֵיילְט דֶער רֶבִּי אוֹיף אַ קֶענִיג וָואס הָאט גּוֹזֵר גֶעוֶוען אוֹיף אַלֶע אִידְן זִיךְ צוּ שְׁמַדְ'ן. טֵייל פוּן דִי אִידְן הָאבְּן אִיבֶּערְגֶעלָאזְט זֵייעֶר גַאנְצֶע פַּארְמֶעגְן, אוּן גֶעגַאנְגֶען גָּלוּת, אוּן אַ טֵייל זֶענֶען גֶעבְּלִיבְּן אֲנוּסִים. דֶער רֶבִּי עֶרְקְלֶערְט וָואס פּוּנְקְטְלִיךְ דָאס מֵיינְט אַן 'אָנוּס', אַז בַּאהַאלְטֶענֶערְהֵייט פִירְט מֶען זִיךְ ווִי אַ אִיד, אוּן אָפֶּענֶערְהֵייט קֶען מֶען זִיךְ נִישְׁט פִירְן ווִי אַ אִיד.

יֶעדֶער מֶענְטְשׁ הָאט זִיךְ זַיינֶע מַצָּבִים וואו עֶר אִיז אַן אָנוּס - פְּלֶעצֶער וואו עֶר קֶען נִישְׁט אָדֶער עֶס אִיז אִים שְׁוֶוער צוּ זַיין דָאס וָואס עֶר ווִיל בֶּאֱמֶת זַיין.

צוּמָאל הָאט עֶר מוֹרָא פוּן זַיינֶע אַרוּמִיגֶע, אִין אַנְדֶערֶע פֶּעלֶער אוֹיף זַיין פַּארְמֶעגְן, אוּן צוּמָאל וַוייל עֶר גֶעפִינְט זִיךְ אִין אַ סְבִיבָה וָואס גְלֵייבְּט נִישְׁט אַזוֹי שְׁטַארְק אִין דִי מִנְהָגִים אוּן אוֹיפִירוּנְג וָואס עֶר פִירְט זִיךְ, אוּן אַזוֹי אוֹיךְ זֶענֶען דָא פִיל מַצָּבִים אִין אַ מֶענְטְשְׁנְ'ס לֶעבְּן פוּן שְׁוֶועריִגְקֵייטְן אָדֶער קְרֶענְק חַס וְשָׁלוֹם, וָואס עֶר אִיז מַמָּשׁ ווִי אַן אָנוּס - אַ בַּאצְווִינְגֶענֶער, אוּן עֶר קֶען נִישְׁט זַיין אַזַא פְלַאמֶעדִיגֶער אִיד פַּארְן בַּאשֶׁעפֶער אַזוֹיווִי עֶר ווִיל זַיין. אוּן דָארְטְן, אִין אַזַא פְּלַאץ, דַארְף עֶר זִיכֶער מַאכְן צוּ זַיין אַ אִיד כָאטְשׁ בַּאהַאלְטֶענֶערְהֵייט. אַז אִין הַארְצְן זָאל עֶר נָאךְ שְׁטְרֶעבְּן אוּן לֶעכְצְן צוּ מְקַיֵּים זַיין דִי הֵיילִיגֶע זַאךְ וָואס עֶר ווִיל, אוּן זַיין מֹחַ זָאל זַיין דָבוּק אִין בַּאשֶׁעפֶער, אוּן בְּלוֹיז פוּנְדְרוֹיסְן, "בְּפַרְהֶסְיָא", זָאל עֶר גָארְנִישְׁט טוּן.

"הַיינְט קֶען אוֹיךְ זַיין אַ מַצָּב אַז מִיר זָאלְן זַיין אֲנוּסִים?" הָאט חַיִּים גֶעפְרֶעגְט זַיין זֵיידֶע. "יָא, יָא, מַיין טַייעֶרֶע אֵיינִיקְל. אִיךְ וֶועל דִיר דֶערְצֵיילְן וָואס עֶר הָאט פַּאסִירְט דִי וָואךְ".

אֶפְרַיִם אוּן נְחֶמְיָ' פוּן כִּתָּה ח', הָאבְּן אוֹיפְגֶעהָאנְגֶען מוֹדָעוֹת אִין דִי בָּתֵּי מִדְרָשִׁים: אָנְגֶעפַאנְגֶען פוּן דִי וָואךְ, וֶועט זַיין אַ 'חֶבְרַת תְּהִלִּים' שַׁבָּת נָאכְמִיטָאג, אִין דִי ווַייבֶּער שׁוּל פוּן דִי בֵּית מֶדְרָשׁ, דוּרְכְן מַשְׁגִּיחַ ר' דָּוִד.

פִיל קִינְדֶער הָאבְּן אָנְגֶעפַאנְגֶען צוּ קוּמֶען יֶעדֶע וָואךְ. דִי קַאפִּיטְלֶעךְ הָאט מֶען גֶעזָאגְט הוֹיךְ אוֹיפְן קוֹל. קִינְדֶער וָואס מֶען הָאט גֶעקֶענְט גָאר גוּט הֶערְן זֵייעֶר זִיסֶע שְׁטִימֶע הָאבְּן אֲפִילוּ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ פָּארְזָאגְן אַ קַאפִּיטְל תְּהִלִּים, אוּן אַלֶע קִינְדֶער פוּן דִי חֶבְרָה הָאבְּן זֵיי נָאכְגֶעזָאגְט פָּסוּק נָאךְ פָּסוּק.



נָאךְ יֶעדֶע פָּאר קַאפִּיטְלֶעךְ הָאט מֶען זִיךְ אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט אוֹיף צוּ זָאגְן אַ נָאמֶען פוּן אַ קְרַאנְקְן וָואס מֶען הָאט מְנַדֵּב גֶעוֶוען לִזְכוּתוֹ אַ טֵייל פוּן דִי מַתָּנוֹת. אוּן אַזוֹי הָאבְּן זֵיי מַמְשִׁיךְ גֶעוֶוען צוּ אוֹיסְשְׁרַייעֶן דִי עֶרְוֶועקְנְדֶע פְּסוּקִים מִיט וָואס דָּוִד הַמֶּלֶךְ הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעגָאסְן זַיין הַארְץ, אוּן זֵייעֶר הוֹיכֶע שְׁרַייעֶנְדֶע שְׁטִימֶע הָאט זִיךְ גֶעהֶערְט בִּיז ווַייט. יֶעדֶער וָואס אִיז אַרִיבֶּער דִי בֵּית הַמֶּדְרָשׁ אִין יֶענֶע שָׁעָה, הָאט גוּט גֶעקֶענְט הֶערְן דִי קָאךְ וָואס טוּט זִיךְ אָפּ אִין דִי חֶבְרָה.

אֵיין שַׁבָּת, אִיז אַ שָׁכֵן אַרַיין אִין דִי עֶזְרַת נָשִׁים, אוּן גֶעבֶּעטְן: "טַייעֶרֶע קִינְדֶער, אִיךְ וואוֹין מַמָּשׁ נָאנְט צוּם בֵּית מִדְרָשׁ. מַיין טַאטֶע אִיז אַן עֶלְטֶערֶע אִיד, אוּן דִי

המשך אויף זייט 2

חלק מהוצאת הגליון נתנדב ע"י
הרה"ח שאול סירוטה שליט"א
לרגל הולדת הנכדים למזל טוב

חלק מהוצאת הגליון נתנדב ע"י
הר"ר זאב פראנק הי"ו
לרגל אירוסי הבת למזל טוב

חלק מהוצאת הגליון נתנדב ע"י
הר"ר יוסף מרדכי מנה הי"ו
לרגל הולדת הבת למזל טוב

א הארציגע ברכת מזל טוב
להרה"ח ר' יואל יאראוויטש הי"ו
משגיח בתלמוד תורה ברסלב בית שמש
לרגל הולדת הבת למזל טוב